Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 15, נומער 1 (71)

חשוון תש״ע/אָקטאָבער 2009

# צום אָנדענק פֿון מאַרעק עדעלמאַן[1]



די פּטירה[2] פֿון מאַרעק עדעלמאַן (דעם 2טן אָקטאָבער, אין וואַרשע, אין עלטער פֿון 90 יאָר) האָט אַרויסגערופֿן שטאַרקע אָפּקלאַנגען[3] צווישן ייִדן און נישט ייִדן, אין אַלע מעדיומס איבער דער גאַנצער וועלט. אומעטום האָט מען באַשריבן דעם לעבנסוועג פֿון לעצטן קאָמענדאַנט פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד[4] פֿון אַפּריל־מײַ 1943.

מאַרעק עדעלמאַן איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר 1919 אין ווײַסרוסלאַנד. ער איז נאָך געווען זייער אַ קליין קינד ווען זײַן משפּחה[5] האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע[6]. זײַנע עלטערן – און באַזונדערש זײַן מאַמע, ציפּורה[7] – זײַנען געווען אַקטיווע טוערס אין דער ייִדישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג „בונד“. ער איז זייער פֿרי געבליבן אַ יתום[8] און איז דערצויגן געוואָרן דורך אַ צווייטער משפּחה, אָבער נאָך אַלץ אין אַ בונדישער סבֿיבֿה[9]. אין די קינדער־יאָרן איז ער אָפֿט געווען אין דער „מעדעם־סאַנאַטאָריע“, די באַרימטע געזונט־ און דערציִונג־קאָלאָניע וואָס דער „בונד“ האָט אײַנגעפֿירט פֿאַר די קינדער פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד[10] פֿון די בונדישע קינדער־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. ווען די דײַטשן האָבן אָקופּירט פּוילן אין 1939, איז עדעלמאַן געוואָרן אַקטיוו אינעם ווידערשטאַנד[11]. ווען מע האָט גענומען גרייטן דעם אויפֿשטאַנד, האָט מען אים באַשטימט ווי דער דעלעגאַט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד“ אין דער קאָמענדאַנטור פֿון דער „ייִדישער קאַמפֿ־אָרגאַניזאַציע“, וווּ עס זענען געווען פֿאַרטראָטן[12] די פֿאַרשיידענע ייִדישע פּאָליטישע ריכטונגען. ער האָט אָנגעפֿירט מיט דער אויסשפּיר[13]־אַרבעט און מיטן באַזאָרגן געווער[14] פֿאַר די קעמפֿערס. ווען דער אויפֿשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, דעם 19טן אַפּריל 1943, איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די פֿאַרטיידיקערס[15] פֿון איינעם פֿון די הויפּט־ראַיאָנען[16] אין געטאָ. אַז דער ערשטער קאָמענדאַנט פֿונעם אויפֿשטאַנד, מרדכי אַנילעוויטש[17], איז אומגעקומען[18] דעם 8טן מײַ, איז דאָס אַחריות[19] פֿאַר דער אָנפֿירונג אויסגעפֿאַלן אויף עדעלמאַנען. נאָך לאַנגע וואָכן העלדישן קאַמף, ווען די אַמוניציע איז אויסגעגאַנגען און די געטאָ איז פֿאַרברענט געוואָרן, איז עדעלמאַן, צוזאַמען מיט זײַנע לעבן־געבליבענע חבֿרים[20], אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן[21] אויף דער אַרישער זײַט[22]. ער האָט זיך נאָך באַטייליקט, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע קעמפֿערס, אין דעם אַלגעמיינעם פּוילישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע, אין אויגוסט 1944.

נאָך דער באַפֿרײַונג, איז מאַרעק עדעלמאַן געבליבן אין פּוילן. אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים, וואָס האָט באַהערשט דאָס לאַנד פֿון 1949 אָן, האָט ער נישט געקענט ווײַטער פֿירן קיין פּאָליטישע אַרבעט, נאָר אַלע האָבן געוווּסט פֿון זײַנע דעמאָקראַטישע איבערצײַגונגען[23]. ער האָט דערווײַל שטודירט מעדיצין, געוואָרן אַ באַקאַנטער קאַרדיאָלאָג אין לאָדזש און חתונה געהאַט[24] מיט אַלינאַ מאַרגאָליס, שפּעטער – אַן אָנגעזעענע[25] קינדער־דאָקטערשע. אין 1968, בשעת[26] דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע[27] אין פּוילן, האָט אַלינאַ מאַרגאָליס זיך באַזעצט אין פֿראַנקרײַך צוזאַמען מיט זייערע צוויי קינדער, אָבער מאַרעק האָט נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן פּוילן. ער איז טאַקע דאָרטן פֿאַרבליבן, ווי אַ סימבאָל פֿון געוועזענעם ייִדישן לעבן און לעבנסקאַמף אין פּוילן. מיט זײַן פּרעסטיזש האָט ער אויך מיטגעווירקט[28] צום צוריקקער פֿון דער דעמאָקראַטיע אין פּוילן, מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן איז עדעלמאַן אַ סך מאָל געפֿאָרן אין אויסלאַנד. אין פּאַריז איז ער געווען אַן אָפֿטער גאַסט. אין 1997 האָט ער באַזוכט די „מעדעם־ביבליאָטעק“ און געווען דער הויפּטרעדנער (אויף ייִדיש) אויפֿן יום־טובֿ[29] צו 100 יאָר „בונד“. אונדזער פּאַריזער ייִדיש־צענטער פֿלעגט כּסדר[30] קריגן פֿון אים גרוסן דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון שלום[31] ראָזענבערג, אַ מיט־פֿאָרזיצער[32] פֿונעם צענטער און עדעלמאַנס אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון די יוגנט־יאָרן אָן.

מיט מאַרעק עדעלמאַנס טויט שליסט זיך אָפּ – אָבער ווערט אויפֿגעפֿרישט אין זכּרון[33] – דער לעצטער און העראָיִשער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון טויזנט־יעריקן, מיליאָניקן, ייִדיש־רעדנדיקן פּוילישן ייִדנטום. כּבֿוד[34] זײַן אָנדענק !

1. Marek Edelman (1919-2009) 2. PTIRE décès/death 3. échos 4. insurrection 5. MISHPOKHE famille/family 6. Varsovie/Warsaw 7. TSIPOYRE 8. YOSEM orphelin/orphan 9. SVIVE milieu 10. membre/member 11. Résistance 12. représentés/represented 13. renseignements/intelligence 14. armes/weapons 15. défenseurs/defenders 16. secteurs/sectors 17. MORDKHE Mordechai Anielewicz 18. a péri/was killed 19. AKHRAYES responsabilité/responsibility 20. KHAVEYRIM camarades/friends 21. égouts/sewers 22. côté aryen (en dehors du ghetto)/the Aryan side (outside of the ghetto) 23. convictions 24. KHA'SENE ... a épousé/married 25. éminente/eminent 26. BESHA'S pendant/during 27. vague/wave 28. contribué/contributed 29. YONTEV fête/celebration 30. KESEYDER toujours/always 31. SHOLEM 32. vice-président 33. ZIKORN mémoire/memory 34. KOVED honneur/honor.

# „ליטע 2009“





**רעכטס : אַ גאַס אין ווילנע. אויבן : אין דעם קאַראַימער טעמפּל אין טראָק. פֿאָטאָס : זשוליעט מאָנע.**

דעם זומער האָט דאָס רײַזע־ביוראָ „וואַליזקע“[1] אָרגאַניזירט אַ רײַזע איבער דער יִדישער ליטע. אַזוי רופֿט מען אָן די געגנט וואָס נעמט אַרײַן דאָס הײַנטיקע לאַנד ליטע[2], ווײַסרוסלאַנד[3], לעטלאַנד[4] און דעם מיזרח־צפֿונדיקן[5] טייל פּוילן.

ווי אין אַלע רײַזעס אָרגאַניזירט דורך וואַליזקע, איז די אָ רײַזע געווען פֿול מיט סורפּריזן. זוכנדיק יִדישע שפּורן[6] אין ליטע און פּוילן האָבן מיר זיך אויך, פֿאַרבײַגייענדיק[7], געטראָפֿן מיט טאָטערס[8], קאַראַימער[9] און עספּעראַנטיסטן.

אָנהייבנדיק אויפֿן וואַרשעווער פֿליפֿאָרט[10] (וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿרעדעריק שאָפּען !) האָבן מיר געמאַכט אַ גרויסן קרײַז פֿון איבער 1000 ק״מ[11], אָפּשטעלנדיק זיך אין די גרעסערע שטעט ביאַליסטאָק, ווילנע[12] און קאָוונע[13] און אין אַ סך קלענערע און וויניקער באַוווּסטע שטעט און שטעטלעך. ווער פֿון אונדז האָט געוווּסט אַז אָט די טעריטאָריע איז אַזאַ מאָזאַיִק, אַזאַ געמיש פֿון פֿעלקער, שפּראַכן און רעליגיעס ? אין ביאַליסטאָק (די היימשטאָט פֿון לודוויק זאַמענהאָף[14], דער שאַפֿער פֿון עספּעראַנטאָ), האָבן מיר געשמועסט מיט עספּעראַנטיסטן און געגעסן מיט זיי אין אַ רעסטאָראַן ווו די שפּײַזקאַרטע[15] איז געשריבן אויף עספּעראַנטאָ. אין קרושיניאַני[16] (פּוילן), האָט מען אונדז אויפֿגענומען אין אַ קליינעם גרינעם הילצערנעם מעטשעט[17] וואָס געהערט די דאָרטיקע טאָטערס. די טאָטערס, אַ פֿאָלק פֿון טערקישן אָפּשטאַם, האָבן זיך באַזעצט דאָרטן אינעם 15טן יאָרהונדערט. מע האָט זיי דעמאָלט פֿאַרבעטן זיי זאָלן דינען ווי זעלנער[18] אויף דער גרענעץ[19]. אין טראָק[20] (ליטע), אין אַ קאַראַימער טעמפּל – וואָס הייסט „קענעסאַ“ – האָבן מיר גערעדט מיטן פֿאָרזיצער[21] פֿון דער קאַראַימער קהילה[22]. זי באַשטייט פֿון 30 משפּחות[23] וואָס ווינען אין דער געגנט און רעדן אַ טערקישע שפּראַך. קיין יִדן זענען שוין נישטאָ אין די קלענערע שטעט, נאָר אין פּוילן האָבן מיר יאָ באַגעגנט אַ פּאָר פּאָליאַקן, מערסטנס יִנגערע מענטשן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט יִדישע ענינים[24]. איינער פֿון זיי, אַ היסטאָריקער טאָמאַשווישניעווסקי, פֿאָרשט[25] די געשיכטע פֿון יִדן אין ביאַליסטאָק און אין דער געגנט. ער אַרבעט איצט איבער אַ בית־עולם[26], וויל צוריק אויפֿשטעלן אַלע מצבֿות[27] און האָט זיך אויסגעלערנט גענוג לשון־קודש[28] זיי צו קענען לייענען. איין יונגער־מאַן אַרבעט איבער דער געשיכטע פֿונעם אַלטן יִדישן שטעטל טיקאָטשין און וויל שרײַבן זײַן מאַגיסטער־אַרבעט וועגן דעם. אין אַ קליין שטעטל סיין[29] אין פּוילן נאָענט צו דער גרענעץ מיט ליטע אַרבעט אַ דינאַמישע גרופּע מיטן נאָמען „פּאָגראַניטשע“, וואָס מיינט גרענעצלאַנד (זע ז׳ 3).

אַריבער דער גרענעץ, אין ווילנע און קאָוונע, האָבן מיר שוין געטראָפֿן יִדן און יִדיש. אונדזערע וועגווײַזערס איבער די צוויי שטעט זענען געווען צוויי ווונדערלעכע מענטשן. פֿאַניאַ בראַנצאָווסקי, 87 יאָר אַלט, האָט געקעמפֿט אין דעםווידערשטאַנד[30] אין ווילנער געטאָ, און שפּעטער מיט די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. הײַנט איז זי ביבליאָטעקאַרין פֿון יִדישן אינסטיטוט אינעם ווילנער אוניווערסיטעט און אַרבעט כּסדר[31] אויפֿצוהאַלטן די יִדישע שפּראַך און דעם אָנדענק[32] פֿון די וואָס זענען אומגעקומען אויף פּאָנאַר[33] און די אַנדערע פֿאַרניכטונגס־ערטער. אין קאָוונע האָט אונדז געפֿירט חיים[34] בערגמאַן, אַ געבוירענער נאָך דער מלחמה[35], וואָס האָט אונדז איבערגעגעבן, אַזוי ווי ער וואָלט עס פּערזענלעך געהאַט דורכגעלעבט, די שרעקלעכע געשיכטע פֿונעם 9טן פֿאָרט[36] (דאָס אָרט ווו מען האָט דערשאָסן די מערהייט פֿון די קאָוונער יִדן).

ס׳איז דאָ אַ יִדישע קהילה אין ווילנע, וואָס דער פּרעזידענט, זייער אַן אָפּטימיסטישער יונגער־מאַן, קען רעדן יִדיש און האַלט עס פֿאַר אַ וויכטיקן טייל פֿון דער יִדישער קולטור. און ס׳איז אויך דאָ (זינט 1998) דער יִדישער זומערקורס, וואָס מיר האָבן אַוודאי[37] באַזוכט, און גרויס הנאה[38] געהאַט רעדנדיק מיט די סטודענטן וואָס זענען געקומען פֿון אַ צענדליק לענדער זיך צו לערנען יִדיש אינעם שיינעם אַלטן ווילנער אוניווערסיטעט.



1. association Valiske (www.valiske.com) 2. Lituanie/Lithuania 3. Belarus 4. Lettonie/Latvia 5. MIZREKH-TSO'FNDIKN nord-est/northeastern 6. traces 7. en passant/in passing 8. Tatars 9. Karaïtes, secte juive fondée au VIIIe s. qui respecte la loi de Moïse mais rejette le Talmud/Jewish sect from 8th C. which accepts Torah but rejects Talmud 10. aéroport/airport 11. קילאָמעטער 12. Vilnius 13. Kaunas 14. Ludwik Zamenhof (1859-1917) 15. carte/menu 16. Kruszyniany 17. mosquée/mosque 18. soldats/soldiers 19. frontière/border 20. Trakai 21. président 22. KEHILE communauté/community 23. MISHPOKHES familles/families 24. INYONIM questions/matters 25. fait des recherches/does research 26. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery 27. MATSEYVES pierres tombales/tombstones 28. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew 29. Sejny 30. Résistance 31. KESEYDER constamment/continually 32. souvenir/memory 33. Ponary, lieu d'exécution des Juifs de Vilnius/execution ground of Vilna Jews 34. KHAIM 35. MILKHOME guerre/war 36. 9ème Fort/Ninth Fort 37. AVADE bien sûr/of course 38. HANOE plaisir/pleasure.

# גרענעצלאַנד[1]

*„ווען עס טרעפֿן זיך צוויי מענטשן פֿון גרענעצלאַנד,*
*הערט מען זינגען דרײַ שטימעס“.*
אַ פֿאָלקסווערטל

וואָס איז אַ גרענעץ[2] ? אַ שטריך[3] אויף אַ מאַפּע ? און ווען מע בײַט דעם שטריך, צי בײַטן זיך די מענטשן ? און די אומזעיִקע[4] גרענעצן פֿון שפּראַך, קולטור, רעליגיע... זענען זיי ניט שטאַרקער ווי די אָנגעצייכנטע ? אין אַ טעריטאָריע וווּ די גרענעצן פֿלעגן זיך בײַטן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק[5], און וווּ עס בלײַבן נאָך אַזוי פֿיל גרענעצן – פּאָליטישע און קולטורעלע, מיט שטעכלדראָטן[6] און אָן שטעכלדראָטן – זענען אָט די פֿראַגעס מער ווי פֿילאָסאָפֿישע גריבלענישן[7], זיי זענען טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. ווען אַ געגנט האָט אַזוי שטאַרק געליטן אין איר גאַנצער געשיכטע פֿון קולטורעלע און רעליגיעזע קריגערײַען, איז טאַקע כּדאַי[8] צו זוכן מיטלען אַז די פֿאַרשיידענע מינדערהייטן[9] זאָלן קענען צוזאַמענלעבן בשלום[10].

סיין[11], אַ קליין שטעטל אין פּוילן האַרט בײַ[12] דער גרענעץ מיט ליטע, געפֿינט זיך אין אַזאַ געגנט. דאָס שטעטל באַשטייט פֿון אַרום 6000 אײַנוווינער – די מערהייט פּוילישע, נאָר מיט כּמעט[13] אַ דריטל ליטווינער[14] און קלענערע טיילן אוקראַיִנער און ווײַסרוסן[15]. אין דעם נאָענטן אַרום זענען דאָ אויך טאָטערס[16] און ציגײַנער[17]. עס לעבן דאָרטן קאַטוילִיקער (רוימישע און גריכישע), אָרטאָדאָקסן, פּראָטעסטאַנטן, מוסולמענער, און אַפֿילו[18] גרופּעס „אַלט גלייביקע“[19] – אַ סעקטע אָפּגעשפּאָלטן[20] פֿון דער רוסישער אָרטאָדאָקסישער קירך אין 17טן יאָרהונדערט. ייִדן האָבן געוווינט אין סיין 300 יאָר. אין 19טן יאָרהונדערט זענען זיי געווען 50 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג[21]. זיי זענען געווען קרעמער[22] און בעל־מלאָכות[23], נאָר האָבן אויך באַאַרבעט די ערד און געהאַנדלט מיט האָלץ פֿון די אַרומיקע וועלדער. דאָס שטעטל איז געווען באַרימט אי[24] מיט תּלמידי־חכמים[25] אי מיט משׂכּילים[26]. בעת[27] דער צווייטער וועלט־מלחמה[28] איז די מערהייט ייִדן אומגעקומען אין מײַדאַנעק. די געציילטע[29] לעבן געבליבענע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע אָדער ישׂראל[30]. אַלץ וואָס איז געבליבן איז „די ווײַסע שול[31]“ – אַ שיינע גרויסע שול געבויט אין 1885, דער בנין[32] פֿון דער ישיבֿה[33] און די אַמאָליקע העברעיִשע גימנאַזיע[34].

אין 1990 איז אָנגעקומען אין סיין אַ גרופּע יונגע מענטשן וואָס האָבן געוואָלט פֿאָרשן[35] פֿראַגעס פֿון קולטור און אידענטיטעט. זיי האָבן געשאַפֿן אַ פֿונדאַציע מיטן נאָמען „פּאָגראַניטשע“[36], דאָס



**די ווײַסע שול אין סיין. פֿאָטאָ : זשוליעט מאָנע.**

הייסט „גרענעצלאַנד“. די שטאָט האָט זיי איבערגעגעבן די ליידיקע בנינים און זיי האָבן ביסלעכווײַז אַנטוויקלט אַ ברייטע פּראָגראַם אַקטיוויטעטן. קשישטאָף טשיזשעפּסקי[37], דער פֿאָרזיצער[38] פֿון דער פֿונדאַציע, זאָגט אַז זייער ציל[39] איז צו „בויען בריקן“ צווישן מענטשן און אויך צווישן פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט – אויפֿצוהאַלטן די ירושה[40] פֿון אַלע עטנישע גרופּעס (און נישט מורא האָבן[41] צו באַרירן פֿראַגעס וואָס טוען וויי), ווי אויך געפֿינען מיטלען אַז שכנים[42] זאָלן נישט בלײַבן שׂונאים[43]. די פֿונדאַציע האָט געשאַפֿן אַ גרויסע פֿאָרש־ביבליאָטעק מיט ביכער אויף אַ סך שפּראַכן (אויך אויף ייִדיש), אַ טעאַטער־טרופּע (וואָס האָט שוין געשפּילט דעם *דיבוק*[44]) און אַ פֿאַרלאַג[45]. דאָס האָבן זיי אַרויסגעגעבן דאָס בוך *שכנים* פֿונעם היסטאָריקער יאַן טאָמאַש גראָס[46] וועגן דעם שטעטל יעדוואַבנע, וווּ פּאָליאַקן האָבן פֿאַרברענט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג. דאָס בוך, וואָס מע האָט שפּעטער איבערגעזעצט אויף אַ סך שפּראַכן, האָט אַרויסגערופֿן אין פּוילן אַ הייסע דיסקוסיע און בײַגעטראָגן צו אַ טיפֿן אַרײַנקלער אין דער באַטייליקונג פֿון פּאָליאַקן אינעם חורבן[47]. „פּאָגראַניטשע“ אָרגאַניזירט אויך רעפֿעראַטן[48] און לערן־קרײַזן וווּ עס באַטייליקן זיך אויך ייִדישע פּערזענלעכקייטן, ווי דער פֿאָרשער און שרײַבער דוד קאַץ[49]. זיי פֿירן אַ כּסדרדיקע[50] אַרבעט מיט די שולקינדער פֿון פֿאַרשיידענע מינדערהייטן, און כּמעט אַלע אָוונט אָרדענען זיי אײַן אַ קלעזמאָרים־קאָנצערט פֿון אַן אָרטיקער קאַפּעליע[51] און געסט פֿון נאָענט און ווײַט. לעצטנס האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַנדערע גרענעצלענדער אין אייראָפּע און צענטראַל־אַזיע...

אין 2008 האָט „פּאָגראַניטשע“ געמאַכט אַן אַמעריקאַנער דעביוט מיט אַ פּראָגראַם פֿון מוזיק, טעאַטער און דעבאַטעס אין ניו־יאָרק. און וווּ אין ניו־יאָרק ? אויפֿן לאָוער איסט סײַד[52] – אַ מולטי־קולטורעלע אונטערנעמונג אין אַ מולטי־קולטורעלער געגנט !



1. confins/borderland 2. frontière/border 3. trait/line 4. invisibles/invisible 5. tout le temps/continually 6. barbelés/barbed wire 7. spéculations 8. ... KEDA'Y cela vaut la peine/worthwhile 9. minorités/minorities 10. BESHOLEM en paix/in peace 11. Sejny 12. tout près de/hard by 13. KIMA'T presque/nearly14. Lituaniens/Lithuanians 15. Biélorusses/Byelorussians 16. Tatars 17. Tsiganes/Gypsies 18. AFILE même/even 19. vieux croyants/Old Believers 20. scindé/split 21. population 22. commerçants/shopkeepers 23. BAL-MELOKHES artisans 24. à la fois ... et/both... and 25. TALMIDE-KHAKHOMIM érudits talmudiques/Talmud scholars 26. MASKILIM adeptes de la Haskala (Lumières juives)/followers of the Haskalah 27. BEYS pendant/during 28. MILKHOME guerre/war 29. rares/few 30. YISROEL Israël 31. La synagogue blanche/The White Synagogue 32. BINYEN bâtiment/building, *plur.* בנינים BINYONIM 33. YESHIVE académie rabbinique/school of higher talmudic learning 34. lycée/secondary school 35. faire des recherches/do research 36. Pogranicze 37. Krzysztof Czyzewski 38. président 39. but/aim 40. YERUSHE héritage 41. MOYRE ... avoir peur/be afraid 42. SHKHEYNIM voisins/neighbors, *sing.* שכן SHOKHN 43. SONIM ennemis/enemies, *sing.* שׂונא SOYNE 44. DIBEK *Le Dibbouk/The Dibbuk* pièce de/play by S. An-sky 45. maison d'édition/publishing house 46. Jan Tomasz Gross, *Sasiedzi: historia zaglady zydowskiego miasteczka*, Sejny, Pogranicze, 2000 ; en français *Les Voisins : 10 juillet 1941, un massacre de Juifs en Pologne*, Paris, Fayard, 2002/Jan T. Gross, *Neighbors: The Destruction of the Jewish Community in Jedwabne, Poland*, Princeton, NJ, Princeton University Press, 2001. 47. KHURBM Shoah 48. conférences/lectures 49. Dovid Katz 50. KESE'YDERDIKE permanent 51. groupe/band 52. Lower East Side.

# ניו־יאָרק, ניו־יאָרק...

## פֿון שמואל גראָסמאַן

אַלע האָבן שוין געהערט אַ מאָל אַז ניו־יאָרק איז „די שטאָט וואָס שלאָפֿט קיין מאָל נישט“. אונדזערע פֿרײַנד וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער רײַזע אָרגאַניזירט דורך דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער און דעם רײַזע־ביוראָ „וואַליזקע“[1] קענען זײַן עדות[2] אַז דאָס איז נישט קיין ליגן.

קוים זענען מיר אַראָפּ פֿון אַוויאָן (ס'איז שוין געווען פֿינצטער) האָט מען אונדז געפֿירט אין מאַנהאַטאַן צו טרעפֿן זיך מיט די אַקטיאָרן פֿון דער ייִדישער „פֿאָלקסבינע“, אַ טעאַטער־טרופּע וואָס שפּילט אויף ייִדיש. זיי האָבן געזונגען פֿאַר אונדז און געשפּילט אַ סצענע פֿון שלום־עליכם[3] – די מעשׂה[4] מיט שׂרה־אינדיקס[5] רעסטאָראַן. כאָטש[6] מיר זענען געווען שרעקלעך מיד פֿון דער רײַזע, האָט די פֿאָרשטעלונג אונדז אויפֿגעוועקט און אויפֿגעלעבט.



פֿאַני באַרבאַרע, פּרעזידענטקע פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, בײַ דער מצבֿה פֿונעם בונדישן אָנפֿירער וולאַדימיר מעדעם.



אין די ווײַטערדיקע טעג זענען מיר אַרומגעפֿאָרן איבער גאַנץ ניו־יאָרק, פֿון בראָנקס (צפֿון[7]) ביז באַטערי־פּאַרק (דעם דרומדיקסטן שפּיץ[8]). מיר האָבן באַזוכט צוויי ייִדישע מוזייען – איינער פֿון קונסט, דער צווייטער געווידמעט דער ייִדישער ירושה[9] אין אַמעריקע און דעם אָנדענק פֿון די זעקס מיליאָן קדושים[10]. מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פֿון דער ייִדישער וועלט בשעת[11] אונדזערע באַזוכן אין ייִוואָ[12], אין אַרבעטער־רינג[13], אינעם לאָקאַל פֿון דער צײַטונג *פֿאָרווערטס* און אויך בשעת אַ פֿריילעכן אָוונט אין דער היים פֿון דער ייִדישער דיכטערין ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אין אַ פּאָר טעג באַקענט מיטן אַמאָל און מיטן הײַנט פֿון דער ייִדישקייט אין ניו־יאָרק. מיר זענען נאָכגעגאַנגען די שפּורן פֿון די עמיגראַנטן אין עליס אײַלענד[14], אין דער אַמאָליקער ייִדישער געגנט, און געזען אין דער רירנדיקן[15] טענעמענט־מוזיי ווי אָט די מענטשן האָבן געלעבט (זע ז' 5). אויפֿן אַרבעטער־רינג בית־עולם[16], אין דער כּבֿוד־ריי[17], האָבן מיר זיך דערמאָנט אין אַלע שרײַבער, פּאָליטיקער און כּלל־טוער[18], וואָס האָבן די ייִדן פֿאַרווײַלט[19], געריירט און אויפֿגעקלערט[20].




דורך דער גאַנצער רײַזע האָבן מיר געפֿירט אַ שמועס מיט די פֿאַרשטאָרבענע און די לעבעדיקע. עס זענען פֿאָרגעקומען אַזעלכע באַגעגענישן וואָס גיבן צו אַ באַזונדערן חן[21]. צום בײַשפּיל איז אונדזער באַגלייטער אויפֿן בית־עולם געווען אַ ייִד פֿון ביראָבידזשאַן[22] וואָס האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן זײַנע דערפֿאַרונגען[23]. אין באָראָ־פּאַרק (אַ געגנט אין ברוקלין ווו עס לעבן אַ סך פֿרומע ייִדן) האָט אונדז אַ יונגער חסיד[24] דערקלערט, אויף ייִדיש אַוודאי[25], וואָס זענען די פֿאַרשיידענע שטראָמען חסידים. אין וויליאַמסבורג, אַן אַנדער ייִדישער געגנט, רעדט מען אומעטום ייִדיש, אַפֿילו[26] די פּלאַקאַטן[27] אין גאַס זענען געשריבן אויף ייִדיש. דעם לעצטן אָוונט האָבן דרײַ פּרעכטיקע אַקטיאָרן אונדז פֿאָרגעשטעלט, אין לאָקאַל פֿון אַרבעטער־רינג, אַ קורצע געשיכטע פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין ניו־יאָרק מיט לידער און פּאַראָדיעס. אַזוי זענען מיר צו מאָרגנס[28] צוריק אַהיימגעפֿלויגן מיט אַ פֿולן אוצר[29] פּילפּאַרביקע דערמאָנונגען.

**אויבן רעכטס : די אַמאָליקע רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג פֿאָרווערטס. לינקס : אַ שילד אין ברוקלין. אַלע בילדער פֿון שאַנטאַל גראָסמאַן.**



1. Association Valiske (www.valiske.com) 2. EYDES témoins/witnesses 3. SHOLEM-ALEYKHEM 4. MAYSE histoire/story 5. SORE-INDIKS de Sarah Ladinde/Sarah Turkey 6. bien que/although 7. TSOFN nord/north 8. DO'REMDIKSTN ... le point le plus méridional/southernmost tip 9. YERUSHE héritage 10. KEDOYSHIM victimes de la Shoah/victims of the Shoah 11. BESHA'S au cours de/in the course of 12. YIVO Institut scientifique juif/Institute for Jewish Research 13. Cercle des travailleurs/Workmen's Circle 14. Ellis Island 15. émouvant/moving 16. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery 17. KOVED-... allée d'honneur/honor row 18. KLAL-... dirigeants associatifs/community activists 19. diverti/entertained 20. éclairé/enlightened 21. ... KHEYN charme particulier/particular charm 22. Birobidjan 23. expériences 24. KHOSED hassid/Hasid, *plur.* חסידים KHSIDIM 25. AVADE bien sûr/of course 26. AFILE même/even 27. affiches/posters 28. le lendemain/the next day 29. OYTSER trésor/treasure.

# טענעמענט־מוזיי[1]

איינס פֿון די אינטערעסאַנטסטע ערטער צו באַזוכן אין ניו־יאָרק הײַנט צו טאָג איז דער טענעמענט־מוזיי, וואָס שטייט אויף אָרטשאַרד סטריט, אין מיטן פֿונעם אַלטן ייִדישן קוואַרטאַל[2] פֿון לאָוער איסט סײַד[3]. אַ „טענעמענט“ איז אַ סאָרט דירות[4]־הויז וואָס מע האָט געבויט אין די אַמעריקאַנער שטעט אין 19טן יאָרהונדערט. אין אַזעלכע הײַזער האָט די גרויסע מערהייט פֿון די אימיגראַנטן געלעבט זייערע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. דער טענעמענט אויף „97 אָרטשאַרד“ איז אויפֿגעבויט געוואָרן אין 1863 און איז געוואָרן אַ מוזיי אין 1988. מע גייט דאָרטן אַרײַן אַזוי ווי אין אַן אַלטן פֿילם, אָדער בעסער געזאָגט אין אַ מין[5] „צײַט־מאַשין“ און מע שפּירט[6] טאַקע, דורך די ווענט, מעבל, חפֿצים[7], דאָס לעבן פֿון יענע דורות[8] וואָס האָבן אויפֿגעבויט די „נײַע וועלט“.

מע רעכנט אַז דער בנין[9] איז געווען די היים פֿון אַרום צען טויזנט מענטשן צווישן 1863 און 1935. אין 1935 האָט מען אים פֿאַרמישפּט[10] ווי „אומפּאַסיק[11] פֿאַר מענטשלעכער וווינונג“ און פֿאַרזיגלט[12] דעם בנין. 50 יאָר איז ער געשטאַנען ליידיק – ביז 1988, ווען אַ גרופּע מענטשן, זוכנדיק אַ לאָקאַל פֿאַר אַ מוזיי, האָבן אים אַנטדעקט. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פֿון פֿאָרשן[13] די געשיכטע פֿונעם בנין. זיך באַניצנדיק מיט אַלע אָפֿיציעלע דאָקומענטן – פֿון צענזוס[14], אימיגראַציע, דירה־קאָנטראַקטן, אאַ״וו[15] – האָט מען צונויפֿגעשטעלט ליסטעס פֿון די פֿאַמיליעס וואָס האָבן געוווינט אויף „97 אָרטשאַרד“ און איבערגעמאַכט די דירות זיי זאָלן אויסזען אַזוי, ווי זיי האָבן אויסגעזען אַ מאָל. אין 1992 האָט מען געעפֿנט די ערשטע רעסטאַווירטע דירה – די היים פֿון דער משפּחה[16] גומפּערץ, דײַטשישע ייִדן וואָס האָבן דאָרטן געוווינט אין 1878. הײַנט זענען דאָ זיבן אַזעלכע דירות וואָס מע באַזוכט מיט אַ וועגווײַזער[17], אַ מאָל מיט אַקטיאָרן וואָס שפּילן (צוזאַמען מיטן פּובליקום – „אינטעראַקטיוו“, הייסט עס) די ראָלעס פֿון די אײַנוווינערס, און אַ מאָל מיט רעקאָרדירונגען פֿון מענטשן וואָס זיי אָדער זייערע עלטערן האָבן דאָרטן אַ מאָל געוווינט. מע קען זען ווי עס האָבן געלעבט אַן אירלענדישע פֿאַמיליע אין 1869, איטאַליענער אין 1873, אַ ספֿרדישע[18] משפּחה פֿון טערקײַ אין 1915 און עטלעכע משפּחות אַשכּנזישע[19] ייִדן וואָס האָבן געאַרבעט אין דער קליידונג־אינדוסטריע[20] – „בײַ שמאַטעס[21]“ הייסט עס. אָפֿט מאָל פֿלעגט די גאַנצע משפּחה אַרבעטן אין דער היים בײַם נייען „פּיסוואָרק“[22] – אַרבעט באַצאָלט לויטן שטיק. מע זעט די ניימאַשין[23], אַ גאַזלאָמפּ, אַ קלייד אויף אַ מאָדעל... אַ בליק אַרײַן אין אַ פֿאַרגאַנגענער וועלט.

די גרויסע כוואַליעס[24] פֿון דער אימיגראַציע האָבן געבראַכט יעדן




דער „טענעמענט“ אַ מאָל און הײַנט D.R.

דור אַן אַנדער פֿאָלק, אירלענדער, דײַטשן, איטאַליענער, ייִדן פֿון מיזרח[25]־אייראָפּע. ביז סוף[26] 19טן יאָרהונדערט זענען די הײַזער – און די גאַנצע געגנט – שוין טרויעריק באַרימט געווען מיט זייערע שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען[27]. ענג[28], פֿינצטער, אָנגעפּאַקט[29], זענען זיי געוואָרן אַ קוואַל[30] פֿון אַלע קראַנקייטן, דיפֿטעריט, טובערקולאָז... דאָס האָט אַרויסגערופֿן פּראָטעסטן און פֿאָדערונגען[31] פֿון סאָציאַלער רעפֿאָרם. די אַרויפֿגעאַרבעטע[32] אימיגראַנטן זענען אַוועק „אָפּטאַון“[33] – שפּעטער אין די הינטערשטעט[34] – און די פֿריש אָנגעקומענע – כינעזער, לאַטינאָס – האָבן זיך באַזעצט אינעם אַלטן קוואַרטאַל... הײַנט צו טאָג זײַנען שוין נישטאָ קיין ייִדן אויף אָרטשאַרד סטריט. איין אָרט איז אָבער געבליבן פֿון די אַלטע צײַטן. דער באַרימטער „קאַצעס דעליקאַטעסן“[35] שטייט בלויז אַ פּאָר טריט[36] פֿונעם מוזיי, און נאָכן באַזוך קען מען דאָרטן אַרײַנגיין און זיך גוט אָנאַכלען[37] מיט אַ פֿעטן פּאַסטראַמי־סענדוויטש און געשמאַקע זויערע ייִדישע אוגערקעס[38].

1. Tenement Museum (97 Orchard Street, New York) 2. quartier/district 3. Lower East Side 4. DIRES appartements/apartments 5. sorte de/kind of 6. on ressent/you feel 7. KHFEYTSIM objets/objects 8. DOYRES générations, *sing.* דור DOR 9. BINYEN immeuble/building 10. FARMISHPET condamné/condemned 11. non conforme/unfit 12. scellé/sealed 13. recherche/research 14. recensement/census 15. און אַזוי ווײַטער 16. MISHPOKHE famille/family 17. guide 18. SFA'RDISHE sépharade/Sephardic 19. ASHKENA'ZISHE ashkénazes/Ashkenazi 20. confection/garment industry 21. «chiffons»/«rag trade» 22. piecework, travail à la pièce 23. machine à coudre/sewing machine 24. vagues/waves 25. MIZREKH de l'Est/Eastern 26. SOF fin/end 27. conditions 28. exigus/cramped 29. surpeuplés/crowded 30. source 31. revendications/demands 32. qui ont réussi/successful 33. Uptown, au nord de la ville 34. banlieues/suburbs 35. Katz's Delicatessen 36. pas/steps 37. se goinfrer/stuff oneself 38. cornichons au sel/pickles.

# ניקאָלאַי קאָפּערניק און באָבע איטעס הונדערט יאָר לעבן

פֿון מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ



אַ צײַט האָב איך געמיינט, אַז אין דעם אַלעם איז שולדיק דער קאַלענדאַר. אַ געוויינטלעכער קליינער קאַלענדאַר – אַ ביכל מיט זײַטלעך פֿאַר יעדן טאָג פֿונעם יאָר אויף אָפּצורײַסן, וואָס מע פֿלעגט אויף זיי געפֿינען פּרטים[1] וועגן פֿאַרשיידענע דאַטעס, פֿאַרבונדן מיט וויכטיקע מענטשן אָדער געשעענישן פֿון אַמאָל און הײַנט, סײַ טרויעריקע, סײַ יום־טובֿדיקע[2]. אין דער גרויסער דירה[3] אונדזערער האָט מען וויניק וואָס[4] אַרויסגעוואָרפֿן און, פֿאַרשטייט זיך, קיין קאַלענדאַר־זײַטלעך האָט מען ניט אָפּגעריסן. אַזוי האָבן די עלטערן צונויפֿגעזאַמלט אַ שיינע קאָלעקציע אַלטע קאַלענדאַרן, וואָס האָט מיר דערמעגלעכט[5], דורך איינעם פֿון זיי, זיך צו באַקענען מיטן גרויסן פּוילישן אַסטראָנאָם, גלײַכצײַטיק[6] אַ קאַטוילישן גײַסטלעכן[7], ניקאָלאַי קאָפּערניק, וועלכער האָט דערוויזן, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, און ניט פֿאַרקערט. ער איז געווען דער צווייטער שולדיקער אין דעם, וואָס איך גרייט זיך צו דערציילן. אַגבֿ[8], איצט בין איך זיכער, אַז אויב ניט צוליב דעם קאַלענדאַר און קאָפּערניקן, וואָלט עס געשען אויף אַן אַנדער אופֿן[9], אפֿשר[10] אַ ביסל שפּעטער, נאָר בערך[11] אַרום דעם זעלבן עלטער, כאָטשבע[12] דערפֿאַר, וואָס כּדי[13] צו באַנעמען די זאַך[14] האָט מען געדאַרפֿט קענען גוט לייענען און ציילן.

ווי עס זאָל ניט האָבן געווען[15], האָב איך, צו מײַנע אַכט יאָר באַהערשט[16] אי דאָס לייענען אי דאָס ציילן. דערצו בין איך זייער אָפּט געבליבן אין דער היים צוליב פֿאַרקילונגען און האָב געהאַט אַ סך צײַט. דער יצר־הרע[17] צום געשריבענעם וואָרט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב, מיט אומענדלעכן אינטערעס, שטודירט אַפֿילו[18] רעכענונגען פֿאַר עלעקטריע און גאַז, און אַוודאי[19] האָט מיר שטאַרק הנאה[20] פֿאַרשאַפֿט צו בלעטערן קאַלענדאַרן.

ניקאָלאַי קאָפּערניק האָט דאָס ערשטע מאָל געקוקט אויף מיר מיט זײַנע קלוגע שמייכלענדיקע אויגן פֿונעם קאַלענדאַר פֿונעם יאָר 1973, ווען מע האָט גראָד[21] געפֿײַערט זײַן 500סטן יובֿל־יאָר[22]. פֿונעם ערשטן בליק אַ פֿאַרליבטע אין זײַן ליכטיקן פּנים[23], און באַזונדערש אין דער שיינער קוטשמע[24] געקרײַזלטע האָר זײַנע (בראָנדז־קאָלירטע, אַוודאי, האָב איך געמיינט, הגם[25] דאָס בילד איז געווען שוואַרץ און ווײַס), האָב איך דעם קליינעם אַרטיקל עטלעכע מאָל געלייענט און איבערגעלייענט. 500 יאָר איז געווען אַ סך, און עפּעס אין דער דאָזיקער מעשׂה[26] האָט אויסגעקלונגען ניט גלײַך.

– באָבעשי, האָב איך געפֿרעגט בײַ מײַן באָבע איטען, ווו איז ניקאָלאַי קאָפּערניק אַהינגעקומען ?

די באָבע האָט געטראַכט אַ קליינע ווײַלע.

– ער איז געשטאָרבן מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק.



– וואָס איז אַזוינס געשטאָרבן ?

– דאָס מיינט, אַז ער איז אַלט און קראַנק געוואָרן און אויסגעהויכט די נשמה[27]. נאָך דעם האָט מען אים אַרײַנגעלייגט אין דער ערד אַרײַן און געשטעלט אַ דענקמאָל[28] מענטשן זאָלן אים אייביק געדענקען.

אין משך פֿון[29] עטלעכע סעקונדעס האָב איך זיך געמאָלט ווי אַזוי ער אָטעמט אַרויס אַ קליינעם וואָלקן (אַזוי האָט פֿאַר מיר אויסגעזען די נשמה), און ווי מע לייגט אים אַרײַן, דעם שיינעם מענטשן, אין אַ לאָך און מע שיט ערד אויף די געלע געקרײַזלטע האָר, ביז עס בלײַבט גאָרנישט פֿון אים און פֿון די האָר, און ווי צום סוף[30] שטעלט מען אַוועק אַ דענקמאָל גלײַך אויפֿן אָרט פֿון דער ברוסט[31] זײַנער און באַדעקט דאָס אַלצדינג מיט רויזן.

און פּלוצעם אַ שוידערלעכער[32] געדאַנק :

– באָבעשי, דו וועסט אויך שטאַרבן ?

– אַוודאי.

– און די מאַמע ? און איך ? אויך אין לאָך אַרײַן ?

– אַלע מענטשן שטאַרבן, מע לעבט ניט אייביק.

אָט איז עס. מע לעבט ניט אייביק. אין דער דאָזיקער מינוט האָב איך געפֿילט, אַז קיין מאָל וועט די וועלט ניט זײַן ווי פֿריִער. זעענדיק מײַן ייִאוש[33], האָט זיך די באָבע צוגעזעצט צו מיר אויפֿן בעטל.

– הער מיך אויס, נאַרעלע, אַ מענטש לעבט הונדערט יאָר. (פֿאַר וואָס האָט זי געזאָגט הונדערט און ניט נײַנציק אָדער הונדערט און

[סוף זײַט 8]

1. PROTIM détails, *sing*. פּרט PRAT 2. YO'NTEVDIKE festifs/festive 3. DIRE appartement/apartment 4. pas grand'chose/not much 5. permis/enabled 6. en même temps/at the same time 7. homme d'église/clergyman 8. AGEV à propos/by the way 9. OYFN manière/way 10. EFSHER peut-être/perhaps 11. BEEREKH à peu près/roughly 12. ne serait-ce que/if only 13. KEDE'Y afin de/in order to 14. comprendre la chose/grasp the matter 15. en tout cas/in any case 16. maîtrisé/I had mastered 17. YEYTSER-HORE passion 18. AFILE même/even 19. AVADE bien sûr/of course 20. HANOE plaisir/pleasure 21. justement/just 22. YOYVL- … anniversaire de sa naissance/anniversary 23. PONEM visage/face 24. tignasse/*here* mass 25. HAGA'M bien que/although 26. MAYSE histoire/story 27. … NESHOME rendu l'âme/*lit*. breathed out his soul, i.e. died 28. monument 29. …MESHEKH … en l'espace de/in the space of 30. SOF fin/end 31. poitrine/breast 32. effrayant/terrifying 33. YIESh désespoir/despair

עטעלע ניבאָרסקי איז זיבן יאָר אַלט און וווינט אין ירושלים[1]. זי האָט זייער ליב צו שרײַבן ייִדיש און האָט אונדז שוין געגעבן צוויי טעקסטן: איינעם וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט אינעם לעצטן נומער, און איצט די דאָזיקע מעשׂה[2]. זי האָט עס אָנגעשריבן פֿאַר אַ חבֿר[3] אירן וואָס וווינט אין פּאַריז און הייסט שלום[4].

# נאַשערײַ־געסל[5]

## פֿון עטעלע ניבאָרסקי

איין מאָל, ווען דינה[6] איז געזעסן לעבן דעם ברונעם[7] און גענייט[8] מיט אַ נאָדל[9] און מיט אַ פֿאָדעם[10], דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן מײַן מעשׂה. איר פֿרעגט זיך אַוודאי[11] ווער איז דינה און וואָס טוט זי אין אונדזער מעשׂה, האָט געדולד, באַלד וועל איך אײַך דערציילן. איז אַזוי: דינה איז אַ מיידל 6 יאָר אַלט. זי גייט שוין אין ערשטן קלאַס. איר פֿרעגט זיך אויך אַוודאי, ווי קען אַזאַ יונג מיידל נייען? דינה קען נייען ווײַל איר מאַמע לערנט זי אויס. פּראָסט און פּשוט[12]. זי, דינה הייסט עס, האָט אַ שוועסטער עטל און אַ ברודער ראובֿן[13]. און אַ קוזינע? ווייס איך נישט, אפֿשר[14] אַ גרינע[15]? איז האָט דינה גענייט לעבן ברונעם אַ שעה[16] און נאָך צוויי און פּלוצעם[17] פּלאַש! די נאָדל פֿאַלט איר אַרײַן אין וואַסער פֿון ברונעם! „אוי“ – זאָגט דינה און גיט צו[18]: „איך וועל פּרוּוון אַרויספֿישן[19] די נאָדל“. און דינה שפּרינגט אַרײַן גלײַך אין וואַסער און שווימט נאָך דער נאָדל. דינה איז אײַנגעשלאָפֿן און ווען זי האָט זיך אויפֿגעוועקט האָט זי געקוקט און געקוקט אַרום זיך – זי איז שוין נישט געווען אין וואַסער! זי איז געווען אין אַ געסל! און נישט סתּם[20] אַ געסל. דינה האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען אַז דאָס געסל איז געמאַכט פֿון צוקערקעס[21] און אַנדערע מינים[22] נאַשערײַען. ס'איז אײַך כּדאַי[23] צו וויסן אַז דינה איז אַ גרויסע נאַשערקע[24]. און דערפֿאַר איז זי גלײַך געוואָרן הונגעריק און זי האָט נאָר געטראַכט וועגן די נאַשערײַען.

דינה האָט געקלאַפּט אין איין טיר פֿון איין שטיבל[25] און פֿון שטיבל איז אַרויס אַ קליין שאָקאָלאַדן־מענטשל און געדריקט דינהן די האַנט און ער האָט זי אַפֿילו[26] פֿאַרבעטן[27] צו עסן מיט אים זיסוואַרג[28] אין זײַן קליין שטיבל! דינה איז געווען זיכער אַז דאָס איז דער גן־עדן[29]. זי איז גיך אַרײַן אין שטיבל. זי האָט גערעדט מיטן קליינעם מענטש און אים דערציילט פֿון וואַנען זי קומט, און דאָס מענטשל האָט איר דערציילט וועגן זײַן געסל וואָס איז געמאַכט פֿון צוקערקעס און נאַשערײַען. גיך זענען זיי געוואָרן גוטע חבֿרים און דאָס מענטשל האָט זיך פֿאָרגעשטעלט[30]: „איך הייס שלום בן שלום[31] בן שלום בן שלום“...

דינה האָט געלאַכט – „גוט, שלום בן שלום, און איך הייס: דינה“. „וואָס?“ האָט געפֿרעגט שלום בן שלום – „דו הייסט דינה בן דינה בן דינה“... „ניין, ניין“, זאָגט אים דינה, „איך הייס נאָר דינה“. „גוט, איך פֿאַרשטיי“, האָט געזאָגט שלום בן שלום. „איצט קענען מיר גיין שפּאַצירן[32] אין געסל“. זיי זענען גיך אַרויס און שפּאַצירט (ס'איז ערשט געווען די שעה פֿון פֿרישטיק[33]). דינה האָט געזען ווי שלום בן שלום זאָגט אַלע מאָל דאָ און דאָרטן „גוט־מאָרגן שלום בן שלום!“. דינה האָט זיך געוווּנדערט[34] און געפֿרעגט שלום בן שלומען צו וועמען ער רעדט. שלום בן שלום האָט געענטפֿערט: „אַ, זעסט, דינה, דאָרט אויף דער צווייטער זײַט גאַס שטייט מײַן בעסטער חבֿר. זײַן נאָמען: שלום בן שלום“. און דינה האָט געזאָגט: „יאָ, אָבער ווי קענסטו זאָגן אַ סך מאָל דעם זעלבן מענטש די זעלבע זאַך“. שלום בן שלום האָט דערקלערט[35]: „יאָ, אָבער דאָ הייסן אַלע שלום בן שלום בן שלום“... „איך פֿאַרשטיי“, האָט געזאָגט דינה. שפּעטער זענען זיי צוריק אַהיים, זיי האָבן געגעסן נאָך איין מאָל נאַשערײַען און דינה האָט אַרײַנגעטאָן אין אירע קעשענעס[36] אַ סך נאַשערײַען ווײַל זי האָט נישט געוואָלט זײַן ווי דאָס מיידל וואָס האָט נאָר כּלומרשט[37] אין זינען געהאַט אירע ברידער־שוועסטער. איז האָט דינה באַהאַלטן אויך אַ ביסל פֿאַר ברידער־שוועסטער. פּלוצעם האָט דינה געפֿרעגט: „ווּו איז מײַן נאָדל?“. שלום בן שלום האָט געשמייכלט און געגעבן דינהן די נאָדל. „זײַ געזונט!“, האָט אים דינה געזאָגט. „אויך דו“, האָט געזאָגט שלום בן שלום, „מ'עט[38] זיך ווידער זען!“.






1. yerusholaim Jérusalem 2. mayse histoire/story 3. khaver ami/friend, *plur.* חבֿרים khaveyrim 4. sholem 5. ruelle des Friandises/Sweets Lane 6. dine Dina 7. puits/well 8. cousait/sewed 9. aiguille/needle 10. fil/thread 11. avade bien sûr/of course 12. … … poshet tout simplement/as simple as that 13. ruvn 14. efsher peut-être/perhaps 15. „די גרינע קוזינע“ אַלוזיע צום ליד 16. sho heure/hour 17. soudain/suddenly 18. ajoute/adds 19. repêcher/fish out 20. stam n'importe quelle/any old street 21. bonbons/candies 22. minim sortes/kinds 23. keda'y cela vaut la peine/worthwhile 24. gourmande/loves sweets 25. petite maison/little house 26. afile même/even 27. invité/invited 28. sucreries/sweets 29. gan-eydn paradis/paradise 30. s'est présenté/introduced himself 31. sholem ben sholem Sholem fils de Sholem/Sholem son of Sholem 32. se promener/for a stroll 33. petit déjeuner/breakfast 34. s'est étonnée/was surprised 35. a expliqué/explained 36. poches/pockets 37. kloymersht soi-disant/supposedly 38. *contraction* מע וועט.

[סוף פֿון זײַט 6]

צוואַנציק, ווייס איך ניט, אפֿשר האָט הונדערט יאָר געקלונגען וואָגיקער[34] און פֿאַרשטענדלעכער פֿאַרן קינדערישן מוח[35]). – דאָס הייסט, אַז עס בלײַבן דיר נאָך 92 יאָר, כּמעט[36] אַן אייביקייט ! דערנאָך האָט מען צוזאַמען אויסגערעכנט, וויפֿל יאָרן עס בלײַבט נאָך יעדן איינעם פֿון אונדזער משפּחה[37]. מיט אַזוי פֿיל ציפֿערן האָט דאָס לעבן טאַקע געקראָגן אַ ביסעלע אַ שענערן אויסזען, און דערצו, אין הונדערט יאָר אַרום, וועלן מענטשן זיכער אַנטדעקן עפּעס אַ מיטל, דאָס לעבן צו פֿאַרלענגערן. אָבער אויף צו מאָרגן בין איך ווידער טרויעריק געוואָרן. ווי קען עס זײַן, אַז אין דער וווּנדערלעכער וועלט מײַנער ווערט די לופֿט יעדן טאָג געדיכטער צוליב אַרויסגעאָטעמטע וואָלקנס נשמות, און די ערד אונטער די פֿיס פֿולער מיט באַגראָבענע קערפּערס, אַפֿילו ווען מע באַדעקט זיי מיט רויזן ?

אַזוי אַרום האָב איך באַשלאָסן צו פֿירן אַ מלחמה[38] קעגן טויט. דער ערשטער טריט איז געווען פֿאָרצולייגן די עלטערן מע זאָל שטאַרבן צוזאַמען, אויב מע דאַרף טאַקע שטאַרבן, ווײַל ס'איז לײַכטער פֿאַר אַלעמען. אויף דעם האָט די מאַמע געענטפֿערט, אַז עס וואָלט געווען קעגן די כּללים[39] פֿון דער נאַטור, אַז די עלטערן דאַרפֿן אַוועק פֿאַר די קינדער. די נאַטור איז פֿאַר דער מאַמען געווען אַ הייליקע זאַך, און אויב אַזוי, פֿאַר מיר אויך, דערפֿאַר האָב איך געדאַרפֿט זיך אָפּזאָגן[40] פֿון ממשיך זײַן[41] די דאָזיקע פּראָגראַם.

האָב איך דאַן באַשלאָסן צו ראַטעווען[42] אַלעמען פֿון טויט, מענטשן און בעלי־חיים[43]. כ'האָב זיך פֿאַרטיפֿט אין דער באָבעס ביכער און זשורנאַלן (זי איז געווען אַ קינדער־דאָקטאָרשע), ווייניק וואָס פֿאַרשטאַנען, אָבער דאָס האָט מיר נאָך מער כּוחות[44] צוגעגעבן. אויפֿן אייגענעם, אויפֿן היימישן פֿראָנט, האָב איך זיך זייער אויפֿמערקזאַם[45] צוגעהערט צו באָבע־זיידעס אָטעמען בשעת[46] שלאָפֿן, ווײַל, לויט אונדזער רעכענונג, האָבן זיי געדאַרפֿט אַוועקגיין די ערשטע.



אַחוץ דעם[47], האָב איך געבראַכט אַהיים אומצאָליקע קראַנקע קעץ, פֿאַרלענגערט דאָס לעבן פֿון אינסעקטן, פּוטער־פֿייגל[48] און זשוקעס[49]. אַפֿילו אָפּגעשניטענע בלומען האָבן בײַ מיר געדויערט גאַנצע וואָכן, און עטלעכע מאָל האָט זיך מיר באַקומען אויסצוהאָדעווען[50] רויזן־קוסטעס[51] פֿון זייערע שטאַמען[52].

שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ סך מער מכּוח[53] טויט. דאָס, למשל[54], אַז מע שטאַרבט אַ מאָל זייער יונג, קינדער פֿאַר די עלטערן, הגם אין דער מערהייט פֿאַלן קען עס אויסגעמיטן ווערן[55]. אַז ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד, צי מע שטאַרבט צוזאַמען מיט די עלטערן אָדער ניט. אַז כּמעט אַלע קעמפֿן קעגן טויט, יעדער איינער אויף זײַן אייגענעם אופֿן, און איך ניט מער פֿון די אַנדערע. אויך אַז אין אָט דעם קאַמף איז קאָפּערניק גובֿר[56] געווען : ניט לאַנג פֿאַר דער פּטירה[57] האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן דאָס איינציקע ווערק זײַנס, וואָס די יסודות[58] דערפֿון לעבן נאָך אַלץ אין דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט.

און ווען איך שטויס זיך אָן[59] אויף ניקאָלאַי קאָפּערניקס נאָמען, ווערט מיר אַלע מאָל לײַכט אויף דער נשמה, אויך ווײַל אינעם שאָטן פֿונעם ליכטיקן געשטאַלט זײַנעם האָט מײַן באָבע איטע (וואָס זי אַליין איז איצט 94 יאָר אַלט), זיצנדיק אויף מײַן בעטל, צוגעזאָגט אונדז אַלעמען הונדערט יאָר לעבן.





34. de plus grand poids/weighty 35. MOYEKH cerveau/brain 36. KIMA'T presque/nearly 37. MISHPOKHE famille/family 38. MILKHOME guerre/war 39. KLOLIM lois/laws 40. renoncer/give up 41. MAMSHEKH ... poursuivre/continuing 42. sauver/save 43. BALE-KHAIM animaux/animals 44. KOYKHES force/strength 45. attentivement/carefully 46. BESHA'S pendant/during 47. AKHU'TS... à part ça/aside from that 48. papillons/butterflies 49. scarabées/beetles 50. faire pousser/grow 51. rosiers/rose bushes 52. tiges/stems 53. MEKOYEKH au sujet de/about 54. LEMOSHL par exemple/for example 55. être évité/be avoided 56. GOYVER... victorieux/victorious 57. PTIRE mort/death 58. YESOYDES fondements/foundations 59. tombe sur/chance upon.

**בילדער : עדואַרד טאַובע** D.R.


# דער ייִדישער טעם־טעם

**אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס**

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן *טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס